RADOMER KIELCER LEBEN № 7 (95) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאָהרגאַנג דריטער גראשען 25 פרייז

היינט 10 זייטען

אדרעסען
פון „ראדאמער קעלצער לעבען"

אין ראדאם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אנאָנסען פרייז:
אין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר'
״ ״ ״ אין ״ 40 ״
״ ״ ״ נאכ'ן ״ 18 ״

# ראדאמער-קעלצער לעבען

ראדאם פרייטאג כ"ח שבט תרפ"ו — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאָנסען איז די רעדאקציע נישט פעראַנטוואָרטליך — 12-go Lutego 1926 roku

Z intencji zaślubin kuzynki naszej **Ceni Werber** z p. **H. Rozenbergem** życzą kwitnącej przyszłości.
**Mania i Gustaw Warszauer.**

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ראדאָם
שבת דעם 13|2 ד. י. אום 6.30 אָוו. פינקט. וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל (לובל. 25)

## די יעהרליכע אַלגעמיינע מיטגלידער-פערזאמלונג

מיט פאָלגענדען סדר-היום:

1) ערעפנונג 2) וואהלען פון אַ פרעזידיום 3) בעריכטען: א) אָרגאַניזאַציע ב) פינאַנס-קאָמיסיע ג) קולטור-קאָמיסיע ד) ביבליאָטעק ה) קהלה ו) שטאָדט-ראט ז) פאַלעסטינא-אַמט ח) קרן קימת ט) קרן היסוד י) העברעאישע אוניווערזיטעט 4) דיסקוסיעס 5) די ריכטליניען פון אונזער ווייטערדיגער אַרבייט (רעפעראַט) 6) רעזאָלוציעס 7) וואהלען פון אַ נייעם קאָמיטעט 8) פרייע פאָרשלאַגען.

בעמערקונג: איינטריט נור פאַר מיטגלידער, וועלכע האָבען רעגולירט דעם מיטגליד'ס-אָבצאָהל לכל הפחות ביז'ן 1/1 1926 און בעזיצען איינלאַדונגען.

**Ż. T. G. S. „HASMONEA" w Radomiu.**
Urządza w sobotę dnia 20 Lutego 1926. r. w salach HOTELU EUROPEJSKIEGO (dawniej Miraż)
**RAUT** **z konkursem tańców o nagrodę, oraz inne niespodzianki.**
Początek o godz. 9 wiecz. Wstęp tylko za zaproszeniami. Cena biletu **1.50** do nabycia przy wejściu.

די קאָאָפּעראַטיווע האַנדווערקער
**באַנק** איז ראדאָם, לובלינער 23.

פיהרט אויס אלע באַנק — אָפּעראַציעס
נעמט אָן אינקאַסאָ איבערווייזונגען,
וועלכע ווערען אויסגעצאהלט אין דעם זעלבען טאג.

**BANK KUPIECKI w RADOMIU**
Spółdz. z ogr. odp. **plac 3-go maja 5 telef. № 14.**
די קאָאָפּעראַטיווע סוחרים-באַנק נעמט אָן וקלאַדען פון די קלענסטע סומען אויף שפּאָר-ביכלעך, ערלעדיגט אַלערליי באַנק-אָפּעראַציעס פּינקטליך און צו מעסיגע פרייזען, צאָלט אויס די איינקאַסירטע געלדער אין דעמזעלבען טאָג.

**Dr. Med. IGNACY LEWI**
געוו. פּראַקט. ארצט אין פראַנקרייך.
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייט
נעמט אָן ביז 10 פריה און 4 — 6
ראדאָם (לובעלסקי גורקעס) קילינסקי 13 טעלעפ. 420

**Dr. A. ŁUCZNO LEWI**
אויגען-קראַנקהייט
נעמט אָן פון 3—4 נאך מיטאג.
ראדאם, (לובעלסקי-גורקעס) קילינסקי 13 טעלעפאָהן 420

קויפט נישט ביי די גאַנז קיין האָבער!
פין די ערשטע קוועלע טשענסטאכאווער בלייזען
די בעסטע רעעלסטע גאַנגבאַרסטע עכטע קאָלירען
אויף ביליגע קאָנקורענץ פרייזען, קאָנט איהר בעקומען נור ביי
ה' יוסף אקערמאַן לובלינער 36
בעסטע און רעעלסטע בעהאנדלונג און צוגענגליכע בעדינגונגען
לאָזט אייך נישט נארען און קויפט נישט ביי די גאַנז קיין האָבער
קויפט נאָר ביי יוסף אַקערמאַן לובלינער 36
אין היזיק פאַרטער, רעכטס. — קומט און איבערצייגט אייך.

**Szkoła Frebiowska przy Org. Sjonistycznej**
pod kier. **E. GOSTYŃSKIEJ** (Lubelska 25).
**urządza dn. 28 Lutego r. b. (Purym) w sali Hotelu Europejskiego** (Miraż)
WIELKI BAL KOSTJUMOWY
DLA DZIECI
z konkursem ładnych kostjumów o nagrodę i inne niespodzianki
Szczegóły w afiszach.

כע האט אויפן ארט צוזאמענגעשטעלט א פראטאקאל, חאראקטעריסטיש איז דאס דער דאזיגער דרייסטער איבפאלער איז א היגער מכלומר'שטער כלל־טוער

און געוואלט אויף אזא אופן „פערענטפערן" די זייט א לענגערע צייט אים פארגעווארפענע האנדלונגען...

א טרויריגע ערשיינונג...

# א שרעקליכער מארד פון א אידיש מיידעל אין המיעלניק (קעלצער קרייז).

זונטאג, דעם 7 ה. ח., 10 א זייגער מיט 40 מינוט פאר מיטאג האט דער כמיעלניקער מאגיסטראט סעקוועסטראטאר, סטאניסלאוו קאל, 30 יאהר אלט, דערשאסען מיט א רעוואלווער אין ביורא פון מאגיסטראט, די 21־יעהריגע מאגיסטראט־באאמטען, ברײנדיל זאלצבערג און זי דער'הרג'עט אויפ'ן ארט.

דער אויבענדערמאנטער סעקוועסטראטאר, זייענדיג אליין אין ביורא פון מאגיסטראט מיט דער טראגיש־אומגעקומענער בר"ל האט 1 מאהל געשאסען פון רעוואלווער און זי גלייך דער'הרג'עט אויפ'ן ארט. דער פרעזידענט פון מאגיסטראט, זייענדיג אין צווייטען צימער און דערהערענדיג דעם שאס, איז גלייך אריינגעקומען אין עיטען צימער, וואו דער פארפאל איז געשעהן און געטראפען די פר"ל זאלצבערג ליגען טויט אויף דער פאדלאגע, פערגיסענדיג זיך אין א קאלוזשע בלוט און בעמערקט ווי דער סעקוועסטראטאר האט אוועקגעווארפען דעם רעוואלווער. דער פרעזידענט האט גלייך אלארמירט די פאליציי און דעם ארטיגען דאקטאר ה' פילו און דעם פעלטשער רובינשטיין, וועלכע האבען קאנסטאטירט דעם טויט.

וועגען דעם שרעקליכען פארפאל איז טעלעפאניש איבערגעגעבען געווארען דער בופקער סטאראסטווא און אין פערלויף פון א האלבע שעה זענען אנגעקומען קיין כמיעלניק אין א ספעציעלען אויטאמאביל, דער אויספארשונג'ס־ריכטער און פאליציי־קאמענדאנט, וואו זיי האבען אנגעהויבען די ערשטע אויספארשונג.

דער פארזיצענדער פון דער יודישער קהלה, ה' זילבערבערג האט וועגען דעם גלייך געמאלדען טעלעפאניש דער קעלצער קהלה, בעטענדיג צו דעלעגירען א קעלצער יודישען דאקטאר אדורכצופיהרען די סעקציע פון קערפער, די יודישע קהלה אין קעלץ האט גלייך דעלעגירט דעם הויפט־דאקטאר פון יודישען שפיטאל, ד"ר זילבערשלאג.

מיט'ן ד"ר זילבערשלאק איז מיטגעפאהרען דער קארעספאנדענט און מיטארבייטער פון „ראדאמער־קעלצער לעבען" ה' חיים זיעלאני.

די סעקציע האט געדויערט פון 5 ביז 8 א זייגער אווענד.

וועגען דעם שוידערליכען מארד געהצן ארום אין דער שטאדט כמיעלניק פערשידענע קלאנגען, אבער פארלויפיג מוז מען זיך אבהאלטען פון יעדער ערקלערונג, ביז דער ווייטערדיגער אויספארשונג.

דאס מיידעל, וועלכע האט שוין געארבייט אין מאגיסטראט א ערך פון $4\frac{1}{2}$ יאהר, איז געווען אנגעליבט אין דער שטאדט ביי דער בעפעלקערונג בכלל און אין מאגיסטראט בפרט און דער שרעקליכער מארד האט ארויסגערופען א שרעקליכען אומעט אין דער שטאדט און אין דער אומגעגענד.

נאך די זעלבע נאכט 8 א זייגער אווענד נאך דער סעקציע האט דער אויספארשונג'ס־ריכטער געגעבען א ערלויבעניש דער קהלה אויף דער לויה, אבער די לויה איז ערשט פארגעקומען מאנטאג 11 א זייגער פריה.

דער מערדער איז ארעסטירט.

מיט'ן גאנצען ענין פערנעמט זיך די יודישע קהלה אין כמיעלניק.

**חיים זיעלאני.**

## פון היגען „קרן־היסוד" קאמיטעט

די טעג הויבט זיך אן אין אונזער שטאדט די אקציע פאר'ן „קרן־היסוד" צו דעם צוועק איז געקומען קיין קעלץ דער בעקאנטער ליטעראט ה' יקיר ווארשאווסקי, וועלכער איז שוין צוזאמען מיט'ן היגען קאמיטעט צוגעטרעטען צו די פארברייטונגען.

## ברכה לראש משביר!

די פערוואלטונג פון היגען יודישען מענער־גימנאזיום איז לויט'ן בעשלוס, פון איהר לעצטער זיצונג, בעאויפטראגט געווארען, דעם געעהרטען מיטגליד פון דער פערוואלטונג.

### ה' לעאן ריידמאן אין קעלץ.

אויסדרוקען, אויף דעם וועג, א הערצליכען דאנק פאר די בעדייטענדע צאהל ברעטער וואס ער האט אלס פרייגעביגע מתנה אוועקגעגעבען צום געבוידע פון גימנאזיום.

דאס געשענק פון דעם דערמאנטען נדבן האט איצט פאר דער פערוואלטונג א בעזונדערען גרויסען ווערטה ווייל דאס האט ערמעגליכט דורכצופיהרען א גרינדליכען רעמאנט אין גימנאזיום און מיט דעם זעלבען נאך־צוקומען דער שולמאכט און איהרע פאדערונגען.

כי יתן וירבו נדיבים כאלה בישראל און זיין מילדטעטיגקייט זאל זיין א מוסטער פאר אלע, די, וואס האבען פערשטענדניס פאר דעם יודיש־נאציאנאלען שול וועזען.

**די פערוואלטונג פון יודישען מענער־גימנאזיום אין קעלץ.**

# מ'זאגט...
## קעלצער־פליאטקעס.

מ'זאגט אז די יודישע קהלה האט בעקומען 3 מאס רייה, פאר יעדער שפראך א מעטיל...

* * *

אז דער וויצע־פרעזעס פון דער גמינע האט צוליב דעם געמאכט א ברית־מילה, ווייל לויט די לעצטע פעראָרדנונג פון וואויעוואדא, כאלט ברית־מילה ארונטער אונטער די אויסשליסליכע קאמפעטענץ פון דער קהלה...

* * *

אז דער שוחט חארמאץ האט נישט געקאנט בעקומען קיין קאזע פאר געהיימע שחיטה, ווייל ער האט שוין פריער געהאט אבגע'מנית'ט די קאזע...

* * *

מ'זאגט, אז ווייל דער גרעסטער טייל סוחרים האבען נישט אויסגעקויפט קיין פאטענטען, איז דער סוחרים־פעראיין געבליבען אהן א שטאך ארבייט, בעשעפטיגט ער זיך מיט אבשטימען א ביודזשעט פאר דער יודישער גמינע...

* * *

אז צוליב דעם, וואס דער סוחרים־פעראיין האט מיט א מערהייט פון 9 שטימען געגען 3 בעשלאסען, אז די גמינע זאל נישט אריינשטעלען אין ביודזשעט א סובסידיום פאר'ן יודישען גימנאזיום, ווערט דאס גימנאזיום ליקווידירט...

* * *

אז דאס וואס מ'האט אויסגעמעקט די העברעאישע אויפשריפט פון די „שילד" איז נישט די „שילד" פון גימנאזיום, אייך נישט די שילד פון דירעקטאר און נישט די שילד פון אויפזיכט'ס־ראט, נאר ס'איז גאר די „שילד" פון קוראטאריום....

* * *

מ'זאגט אז צוליב דעם לייכטען ווינטער ווילען א סך מענשען אראב ווארפען דעם פעלץ ..

* * *

אז אלא ארימע לייט האבען בעקומען א שטרענגען בעפעל, נישט קראנק צו ווערען, ביז די דאקטוירים וועלען זיך נישט א דורך שמיסען, צו מ'דארף זיי היילען אומזיסט, אדער פאר געלד...

* * *

אז אין אונזער שטאדט איז פארגעקומען א משוגה'דיגע רעוואלוציע: בשעת א קאטער האט געפאלפוזעט אויף מייזלעך, איז איהם א מויז געשפרינגען אין פנים אריין און האט איהם אויסגעדראפעט די שליפיעס.

* * *

מ'זאגט, אז ס'איז ענטדעקט געווארן א געפערליכע פערברעכערישע באנדע, וועלכע האט געפלאנט ארויס צו גנב'נען פון דער רעדאקציע פון „ראדאמער קעלצער לעבען"... א רעדאקטאר...

* * *

אז דער פרעזעס פון ראט און פון דער קהלה טראגט כסדר ביי זיך ארום דעם בודזשעט פון דער גמינע, כדי ער זאל איינטריקענען...

* * *

אז צוליב דעם, וואס דער קהלה־ראט האט בעשלאסען אויסצואהלען דער רבצי'ן־אלמנה 1090 זל. פון די 1500 זלאטעס וועלכע זענען בעשטימט פאר ארימע דורכרייזענדע, שיקט די גמינע איבער די דורכרייזענדער צו די רבצי'ן נאך שטיצע...

* * *

מ'זאגט, אז די „אגודה" – פארשטעהער ווילען מיט כח אריינפיהרען אין דער גמינע א „מבקר", ווייל זיי האבען ברצה, גאר אין קורצען צו טראגען אדערען דער גמינע...

**איקס.**

## בריליאנטען

דיאמענטען, פעריל, גאלד, זילבער קויפט און צאהלט די גרעסטע פרייזען אויך פערקויפט אלע ארט צירינג, זילבער און פלאטיר צו ביליגע פרייזען דער אלט בעוואוסטער יובעליר

**ישראל לייב זיידענוועבער**

לובלינער גאס 7 אין הויף.

איך מאך בעקאנט דעם ראדאמער פובליקום דאס מיין פאבריק פון קע-זשעניצער 12 האב איך איבערגעטראגען אויף לובלינער 7 אין טויער אויפן דריטען שטאק אין דער לינקער זייט, און איך נעם אן קינדער-אבראנקעס און סאקלעך צו ביליגע פרייזען. מיט די שענסטע נייע מאדע פאסאנע אויך און דאמע סאקלעך און גוטע בעהאנדלונגען.

מיט אכטונג **נחום צוקער.**

## ערקלערונג

אזוי ווי מען האט מיר א שם געמאכט, אז איך האב געזאלט קויפען א הויז, אלזא ערקלער איך, אז דאס איז נישט מעהר ווי רכילות און בייזוויליגע ליגען. די, וואס האבען אויף מיר פערשפרייט אזעלכע קלאנגען, זאלען אויסען מיט זייער אויסגעטראכטע „עשירות" אויף מיין אדרעס מיך צו שאדענען.

**י. קאשטאן.**

## ענטשולדיגונג

איך בעט ענטשולדיגונג ביים ה' שמואל'קע לעווארשאווסקי פאר מיין זעהר נישט טאקטישען אויסדרוק קעגען איהם.

מיט גרויס כבוד

**רפאל ווארענדארף**

קעלץ, קילינסקי גאס № 8

Ninlejszym podaję do wiadomości Sz. Publiczności że

## GABINET LEKARSKO-DENTYSTYCZNY

**przeniosłam z Rynku 17 na Warszawską 19**

i przyjmuję pacjentów od godz. **9—2 i od 4—7**

**Ceny przystępne. Ceny przystępne**

Lekarz Dentysta

**SZ. BAKOWEN.**



ווילט איהר האבען די שענסטע און מאדערנסטע צימער?

איז נאר צו קויפען **טאפעטען** ביי דער בעקאנטער פירמא

## ש. שטיינמאן

**ראדאם, לובלינער 21**

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען.

אלס ספעציאליסט ווערען צימער-טאפעטירונגען אויסגעפערטיגט שנעל, לויט די נייסטע מאדע.

## Sprostowanie.

W umieszczonym na str 9 № 93 gazety „Radomer-Kielcer-Leben" otwartym liście w 8 wierszu tekstu z dołu wydrukowano „Związek Lekarzy i P. P." a powinno być „Związek Lekarzy Państwa Polskiego, Obwód Kielecki co niniejszym prostujemy.

## Samochód ciężarowy (4 tonny)

**firmy „SANER" na chodzie do sprzedania.**

Wiadomość Kielce, Silniczna 5

*H. Ostrowicz*

איך נעם איבער צו פערוואלטען מיט הויז-אדמיניסטראציע (דזשאנצערייו) אויך ערלערען איך גרינדליך

## בוכהאלטעריע

דורך א קורצע צייט

נאך אינפארמאציעס זיך צו ווענדען

**משה ציקערט דלוגא 18.**

### ערקלערונג.

אויף די אויפפאדערונג וואס איז געווען געדרוקט אין „ראדאמער קעלצער לעבען" נומער 94 ערקלערען מיר פאלגענדעס:

די אגודה האט נישט געהאט מיט די אמשינאווער חסידים קיין שום ד"ת דען זיי האבען זעלבסט עפענטליך ערקלערט אז זיי האבען צו דער „אגודה" קיין שום טענה נישט דעריבער קען זעלבסטפערשטענדליך נישט ארויסגעזאגט ווערען אויף איהר אדרעס קיין ביד"צ. וואס אנבעטרעפט די ד"ת מיט די „יבנה" ערקלערען אויף די לעצטע פאלגענדעס:

ע"פי דין ווי ס'געפינט זיך אין ש"ע ח"מ ס' יח', אויב די ד"ת קומט פאר פאר א ביד"צ. של שלשה, טארען קיין צוויי נישט ארויסזאגען קיין פסק בפרט, אז דער דריטער פראטעסטירט אז אטייל זיצט מיט נגיעות, דעריבער האט דער פסק ביד"צ. פון צוויי דיינים אהנה ראב"ד קיין שום ווערט נישט ע"פי ד"ת און ס'איז בכלל נישט פערשטענדליך ווער ס'האט צו געלייגט א סטעמפעל פון ביר"צ. ווען דער ראב"ד זאגט אז ער האט נישט גע'פסק'ענט.

מ'פערלאנגט יורכאויס א ביד"צ. כדת וכדין ד. ה. ס'זאל נישט זיין דערינטער קיין קרובים, ס'קען זיין א ביד"צ. של שלשה אדער א ביד"צ. של חמשה און אלעס וואס דאס ביד"צ. וועט זאגען הן ע"פי ד"ת, והן ע"פי יושר וועלען מיר מקיים זיין.

**— אגודת שלומי אמוני ישראל אין ראדאם. —**

### פאראווע פארבעריי און כעמישע וועשעריי.

## O. R. HEMPEL, w Radomiu.

אנשטאלט פון כעמישע אויסרייניגונג פון אלער-ארט דאמען און מענער גארדעראבען אהן שום בעשעדיגונג.

ליטאגראפיע און מאשין צו דעקאטעזירען סחורה און קארטען אויפ'ן נייעסטען סיסטעם.

**צוגענגליכע פרייזען ——— סאלידע ארבייט.**

דאס געוועלב—סטארע מיאסטא 2, די פאבריק אויף דער זעלבער גאס אין הויז 5. פיליעס: לובלינער № 37, משיטיק, יעדלינסק און סקארשעוו.

**די פירמע עקזיסטירט פון 1885 יאהר.**

## *Kino „CZARY" w Radomiu.*

Od poniedziałku dnia 8-go lutego b. r. Premjera.

**Historja duszy dziewczęcej**

## „IWONKA"

**erotyczny dramat współczesny w 10 akt. z prolog.**

w roli głównej. **Jadwiga Smosarska.**

## Kino „ODEON" w Radomiu.

**Od dnia 11.go do 14-lutego b. r.**

**Obraz pierwszorzędnej jakości p. t.**

## MŁODY MAHARADŻA

**w rolach głównych**

*Rudolf Valentino i Alice Terry.*

## OGŁOSZENIE.

Zarząd Spółdzielni pożyczkowej przy Związku Rzemieślników i drobnych kupców Żydowskich z ogr. odp. w Przytyku, niniejszym podaje do wiadomości, że powyższa Spółdzielnia znajduje się w stanie likwidacji.

Osoby, mające pretensje do Spółdzielni zgłosić się mają do Zarządu do dnia 27 lutego 1926 r.

Redaktor i Wydawca CH. M. Herc

Odbito we własnej drukarni Radom, Szwarlikowska № 20.